בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"י

יו"ל: ז' כסלו ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של
$15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**"דע, כי לכל דבר יש תכלית!"**
**אינזינען האבן דעם לעצטן תכלית!**
**גרויסע פינעף מינוט**
**"וּשְׁנֵי תְמִידִים כְּהִלְכָתָם"**
**א קאפ פון א בהמה**
**פול מיט שם הוי"ה**
**צו וואס דארף מען אונז דא?**
**דאס רחמנות פונעם אויבערשטן!**
**"חַיִּים טוֹבִים שֶׁלֹּא חָיִיתִי מֵעוֹלָם"**
**געבן דעם יצר הרע א נייעם נאמען**
**"אין אדם דן גזירה שוה מעצמו"**
**לעבן מיט א ישוב הדעת**
**"רגלי עמדה במישור"**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #110**

בס"ד

# פרשת שמות (ח"א)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 125#)

## "דע, כי לכל דבר יש תכלית!"

(מדבר ע"פ ליקוטי מוהר"ן תורה י"ח:) "דַּע, כִּי לְכָל דָּבָר יֵשׁ תַּכְלִית, וְלַתַּכְלִית יֵשׁ עוֹד תַּכְלִית אַחֵר, גָּבֹהַּ מֵעַל גָּבֹהַּ. לְמָשָׁל: תַּכְלִית בִּנְיַן הַבַּיִת כְּדֵי שֶׁיְּהֵא לָאָדָם מָקוֹם לָנוּחַ, וְתַכְלִית הַמְּנוּחָה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל בַּכֹּחַ הַזֶּה לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם, וְתַכְלִית הָעֲבוֹדָה וְכוּ'" - מנוחה אליין איז נאך נישט קיין תכלית; אז איך וועל זיין במנוחה וואס וועט זיין נאך דעם? "כדי שיוכל בכח הזה לעבוד את השם"!; און וואס איז דער תכלית פון עבודה? זאגט דער רבי - 'אויף ווייטער' (- וכו').

ווארום אפילו אז א מענטש לערנט מוז ער אויך האבן עפעס א תכלית. וואס איז די תורה? די תורה איז דאך א תבלין קעגן דעם יצר הרע, די תורה הקדושה דערוואַיטערט מיר פון דעם יצר הרע, עס דערווייטערט מיר פון די תענוגים - מוז דאך דאס אליין האבן נאך א תכלית, אז נישט – אויב תורה אליין, איז עס דאך א גמרא: "האומר אין לו אלא תורה, תורה נמי אין לו"[א] - אז איך האב נאר תורה, האט ער תורה אויך נישט!

---

[א] יבמות קט:

וואס הייסט אז א מענטש איז מקושר צום תכלית? אז ער שטעלט זיך נישט אפ ביי דער זאך וואס ער וויל - (נאר ער מאכט א חשבון) 'פארוואס' וויל איך דאס? 'וואס' וועט זיין אז איך וועל האבן דער זאך?!

דער רבי זאגט טאקע אין תורה נ"ד[ב]: "מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי"! אָה - 'זכרון בעלמא דאתי' איז דער פשט, אז איך טאר נישט וועלן די זאך אליין; אז איך וויל די זאך אליין בין איך אפגעריסן פון דעם תכלית, ווארום די זאך וויל א בהמה אויך, א בהמה וויל אויך שלאפן, א בהמה וויל אויך עסן.

זאגט דער רבי: "וְתַכְלִית שֶׁל כָּל דָּבָר הוּא מְחֻבָּר לְהַמַּחֲשָׁבָה וְהַשֵּׂכֶל, יוֹתֵר מֵהַדָּבָר שֶׁזֶּה הַתַּכְלִית בָּא מִמֶּנּוּ, וְקָרוֹב הַתַּכְלִית לְהַמַּחֲשָׁבָה בְּקֵרוּב יוֹתֵר מֵהַדָּבָר... לְמָשָׁל, כְּשֶׁעוֹלֶה בְּמַחֲשָׁבָה לִבְנוֹת לוֹ בַּיִת, בְּוַדַּאי הַבַּיִת אֵינוֹ נִבְנֶה בְּבַת אַחַת, אֶלָּא צָרִיךְ לְהָכִין עֵצִים, וּלְסַתֵּת וְלִבְנוֹת כָּל עֵץ וָעֵץ לְפִי צָרְכּוֹ, וְאַחַר כָּךְ נִבְנֶה וְנִשְׁלָם הַבַּיִת. נִמְצָא שְׁלֵמוּת הַבַּיִת, שֶׁהִיא תַּכְלִית הַבִּנְיָן וְסוֹפוֹ, הָיָה בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה. נִמְצָא שֶׁהַתַּכְלִית הוּא קָרוֹב לַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר מֵהַתְחָלַת הַמַּעֲשֶׂה".

- דער רבי גיט צו פארשטיין: למשל, אז איך וויל א שטוב, דאן שטייט שוין פאר מיר אויסגעמאלט די גאנצע שטוב ווי אזוי עס וועט אויסזעהן, איך האב שוין געמאכט דעם פלאן – 'דא וועט זיין דער עס צימער, דא וועט זיין דער שלאף צימער, דא וועט שטיין דער ספרים שאנק, אזוי זעהט אויס דער צימער' - דער גאנצער ציור פון דעם צימער איז שוין ביי מיר אויסגעמאלט, און דאס איז דאך דער לעצטער תכלית פון דער שטוב. אבער ווען איך הויב אָן צו מאכן דער שטוב דארף איך דאך פריער (אנגרייטן) האלץ מיט זאכענישן; איז בשעת איך טראכט פון א שטוב איז נישט

---

[ב] עיי"ש בתחילתו: "כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן שֶׁלֹּא יִפֹּל לִשְׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד".

דער פשט אז איך טראכט פון דאס צוגרייטן - נאר אז 'אזא שטוב וויל איך', און 'איך וויל עס זאל האבן דעם ציור'.

איז דער לעצטער תכלית אזוי נאנט - מערער ווי דער זאך וואס עס וועט זיך איצטער אנהויבן צו בויען. פארוואס? ווייל אז ער וויל די שטוב, האט ער דאך אינזינען ווי אזוי די שטוב וועט אויסזעהן אינגאנצן, ממילא הויבט זיך שוין אָן די אלע הקדמות ווי אזוי עס וועט ווערן דאס דאזיגע. אבער ביי אים (אין קאפ) איז דא דער לעצטער תכלית, וואס פון דעם תכלית ווערט שוין נשתלשל דער מעשה.

אז איך וויל א שטוב, האב איך שוין אינזינען דער גאנצער שטוב ווי אזוי זי וועט אויסזעהן און די אלע הנאות'ן מיט די אלע זאכן וואס איך דארף האבן אין שטוב - און דערנאך הויבן זיך אָן די אלע הכנות עס זאל טאקע ווערן א שטוב. ער קען נישט אין אנהויב אינזינען האבן די אלע זאכענישן (- אנגרייטונגען) ביז ער מאכט אפ - 'אזא שטוב וויל איך' 'אזוי זאל זי אויסזעהן'.

דער רבי זאגט אונז, אט דאס הייסט דער תכלית; כאטש דער תכלית איז דאך זייער ווייט פון דעם מענטש, אבער איך דארף האבן דעם געדאנק אז 'דאס וויל איך', איך וויל 'די' זאך, איך וויל 'די' שטוב!.

אויב איך האב נישט 'די' שטוב - בין איך דאך אינדרויסן, האב איך דאך גארנישט. יעקב האט גערופן דעם מקום המקדש 'בית'[ג], ווייל אז איך האב נישט דעם 'בית', 'דער שטוב' בין איך אינגאנצן אינדרויסן, איך האב גארנישט. אז איך זאל זיין אינעווייניג מוז איך האבן א שטוב, אט דאס איז מכונה בשם 'שטוב' (- היינו תכלית הבריאה שהיא שעשוע עולם הבא מקרא בשם 'בית'[ד]). איך דארף זיך פריער אויסמאלן

---

[ג] עי' גמ' פסחים פח.

[ד] עי' גם בביאור הליקוטים שמבאר זה ברמז.

וואספארא שטוב איך וויל, און וואספארא שטוב איך דארף האבן - מיט אלע מיינע באדערפעनישן, און נאך דעם הויב איך אָן צוגרייטן דער שטוב.

קומט דאך אויס, אז דער מענטש דארף האבן עפעס א תכלית - 'וואס וויל איך?', און די אלע זאכן וואס איך וועל טוהן איז אלץ ווייל איך וויל דער זאך, אט דאס הייסט אז דער מענטש האט אינזין דער תכלית!

❖

## אינזינען האבן דעם לעצטן תכלית!

עס איז פארהאן א לשון פון זוהר הקדוש[ה]: "צדיקייא מסתכלי בכל יומא כאילו ההוא יומא מסתלקי מעלמא" - אט דאס איז דער תכלית! א מענטש דארף וויסן: "משה מת - מי לא ימות?"[ו]. אז א מענטש זאל זיך אפשטעלן ביי דער וועלט אליין - 'איך וויל דאס', איז ער דאך ממש אזוי ווי א בהמה - א בהמה וויל אויך אלעס. אויב איך האב נישט קיין ווייטן קוק 'וואס וועט שוין זיין אז איך וועל האבן דער זאך', (בין איך אזוי ווי א בהמה!).

איך דארף אינזינען האבן דעם לעצטן תכלית; כאטש דעם לעצטן תכלית קען מען דאך נישט אינזינען האבן[ז] (- "אי אפשר לקרב זאת התכלית למחשבות בני אדם") - עס איז זייער א ווייטע זאך, אבער דאס אליין דארף איך אויך אינזינען האבן: אז עס איז דא אזא מין תכלית וואס דער מענטש וועט זיין אזוי נאנט צום אויבערשטן וואס אפילו די מלאכים וועלן דארפן פרעגן די אידן: "מה פעל א-ל?" - אזוי שטארק וועלן

---

[ה] פר' ויחי דף ר"כ ע"א: "זַכָּאֵי חֲסִידֵי, בְּכָל יוֹמָא וְיוֹמָא מִסְתַּכְּלֵי בְּלִבַּיְיהוּ, כְּאִלּוּ הַהוּא יוֹמָא מִסְתַּלְּקֵי מֵעַלְמָא, וְעָבְדִין תְּיוּבְתָּא שְׁלֵימָתָא קַמֵּי מָארֵיהוֹן, וְלָא יִצְטָרְכוּן לְמִלָּה אָחֳרָא. זַכָּאָה חוּלְקֵהוֹן בְּעַלְמָא דֵין וּבְעַלְמָא דְאָתֵי".

[ו] ילקוט ראובני, פרשת האזינו אות צ"ח, בשם ספר הציוני.

[ז] עיי"ש, אות ב': "וְדַע, שֶׁהַתַּכְלִית שֶׁל הַבְּרִיאָה הוּא שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא. וְאִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב זֹאת הַתַּכְלִית לְמַחְשְׁבוֹת בְּנֵי אָדָם, כִּי זֹאת הַתַּכְלִית עָלָיו נֶאֱמַר (יְשַׁעְיָהוּ ס"ד): "עַיִן לֹא רָאָתָה וְכוּ'". אֲבָל הַצַּדִּיקִים בֶּאֱמֶת, גַּם הֵם יְכוֹלִים לִתְפֹּס בְּמַחֲשַׁבְתָּם תַּכְלִית עוֹלָם הַבָּא".

אידן זיין נאנט צום אויבערשטן, וואס דער תענוג פון אט דעם תכלית קען מען גארנישט אויסמאלן אין דער וועלט וואספארא תענוג דאס איז!

דער רבי זאגט דאך אין תורה ז' אין דעם אנדערן חלק[ח] (תניינא): 'די גאנצע וועלט מיט אלע אירע תענוגים טרעפן גארנישט אָן קעגן איין רגע השגה פון דעם תכלית'! - אזא מין תענוג איז דארטן 'איין רגע'. אזוי, קען איך אפ'בטל'ען א שעה און מערער, אבער אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אינזינען דער תכלית, איז א רגע אויך א זאך.

❖

## גרויסע פינעף מינוט

עס איז פארהאן א ווארט וואס רבי נתן האט געזאגט: "גרויסע פינעף מינוט!". וואס איז דעמאלט געווען וואס רבי נתן האט געזאגט 'גרויסע פינעף מינוט? רבי נתן האט איינמאל אוועקגעלייגט פאר לעכט בענטשן (ערב שבת) דער האנט ביי דער מזוזה - און געזאגט צו רבי נחמן טולטשינער: "ווען עס וועט זיין פינעף מינוט זאלסטו מיר זאגן!". רבי נחמן טולטשינער איז געווען דער מסדר ביי רבי נתן'ען אין שטוב, האט ער אלץ אזוי געקוקט צו עס איז שוין פינעף מינוט - א מינוט איז שוין געווען ביי אים אסאך! (אין פינעף מינוט ארום) האט רבי נתן געזאגט: 'נחמן, גרויסע פינעף מינוט!'.

אז מען האט אינזינען דעם תכלית, איז פינעף מינוט - 'גרויסע פינעף מינוט!' ווארום פינעף מינוט איז דאך א תענוג פון 'פינעף מינוט. דער רבי זאגט דאך אז אלע תענוגים פון דער וועלט טרעפן נישט אָן קעגן איין רגע פון דעם געדאנק, איז דאך עס 'גרויסע פינעף מינוט'!

[ח] וזל"ש, אות ו': "כָּל הַזְּמַן שֶׁל כָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כֻּלּוֹ, מַה שֶּׁהָיָה וּמַה שֶּׁיִּהְיֶה, הוּא כֻּלּוֹ אַיִן וָאֶפֶס נֶגֶד יוֹם אֶחָד, וַאֲפִלּוּ נֶגֶד רֶגַע אַחַת שֶׁל עוֹלָם הַבָּא, שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרֹךְ".

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט אינזינען דעם תכלית איז דאך דאס ׳גרויסע פינעף מינוט׳. אויב איך האב נישט אינזינען דעם תכלית, איז זיבעציג יאר גארנישט![ט] וואס איז דאס גאר? וואס האב איך דען געהאט דערינען? איך האב געגעסן מער, איך האב געשלאפן מער, איך האב געטרינקען מער. אבער ווען מען כאפט אריין אין דאס דאזיגע עפעס א גוטע מינוט, דאס איז דאך בעסער פון אלעס! פארוואס? ווייל דאס איז דער תכלית!

דאס איז דאך אינגאנצן וואס דער רבי האט געהייסן ׳רעדן צום אויבערשטן׳ - ׳האבן ישוב הדעת׳![י] מען זאל האבן דעם ישוב הדעת ׳וואס טוה איך דא? צו וואס דריי איז זיך? וואס איז דער תכלית?׳ - האבן דעם לעצטן קוק!

❖

## "וּשְׁנֵי תְמִידִים כְּהִלְכָתָם"

די וועלט זאגט אויף אונז, אז מיר רעדן כסדר פון עולם הבא - עס מאכט מרה שחורה׳דיג - דער אמת איז, ווען קען א מענטש האבן א געדאנק פון שמחה? אז ער האט אינזינען ׳עולם הבא׳![יא] אז ער האט אינזינען אז עס איז דא א תענוג עולם הבא, אזא תענוג נצחי, דעמאלט קען איך האבן עפעס א געדאנק פון שמחה. אבער אויב איך ליג נאר אין די הנאות פון דער וועלט - וואספארא שמחה איז דאס? וואספארא שמחה קען עס זיין? "וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עֹשָׂה?"[יב] יעדע זאך האט דאך א גבול – עסן,

---

[ט] עי׳ ליקוטי מוהר״ן סי׳ רס״ח: **"כְּשֶׁאֵין הָאָדָם מִסְתַּכֵּל עַל הַתַּכְלִית, לָמָּה לוֹ חַיִּים"**.

[י] עי׳ ליקוטי הלכות הל׳ ברכת השחר ה״ה, אות פ״ז: **"כִּי זֶה עִקַּר הַהִתְבּוֹדְדוּת שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְבּוֹדֵד וְלַחְשֹׁב עִם עַצְמוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם? וּלְהֵיכָן נִתְפַּזֵּר דַּעְתּוֹ וּמַחֲשַׁבְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ? וּלְהֵיכָן נִשְׁלַךְ וְנִתְעָה עַל יְדֵי מַעֲשָׂיו וּמַחְשְׁבוֹתָיו?"**.

[יא] עי׳ ליקוטי מוהר״ן תניינא סי׳ ל״ג: "כָּל הַשְּׂמָחוֹת הֵם רַק בִּשְׁעָתָן, כְּגוֹן, לְמָשָׁל שִׂמְחָה שֶׁל חֲתֻנָּה אוֹ בְּרִית, הַשִּׂמְחָה הוּא רַק בִּשְׁעָתָן, וְאִם יִסְתַּכֵּל עַל הַסּוֹף, אֵין שׁוּם שִׂמְחָה בָּעוֹלָם, כִּי סוֹף אָדָם וְכוּ׳ (בְּרָכוֹת יז). **אֲבָל אִם יִסְתַּכֵּל עַל הַסּוֹף שֶׁל הַסּוֹף, אָז יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד, כִּי סוֹף כָּל סוֹף, דְּהַיְנוּ הַתַּכְלִית הוּא טוֹב מְאֹד**". עי׳ גם בליקוטי הלכות הל׳ נפילת אפים ה״ד, ד׳.

[יב] קהלת ב, ב.

זאל ער עסן צופיל, קען ער ווערן קראנק פונעם עסן. צופיל שלאפן - זאגט דער רבי[יג] - שאַדט דאס אין מח, (און אזוי אויך) אלע תענוגים – אויב איך וויל זיך אפשטעלן ביי דעם תענוג, איז דאך דא א גבול וואס עס טויג גארנישט.

דער רבי האט געהייסן: 'מען זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן' און אז 'מען זאל אינזינען האבן עולם הבא' - 'שמירת הזכרון'. און דער רבי זאגט אויך: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!"[יד]. - לכאורה קוקט דאס אויס אזוי ווי עפעס א סתירה דיביידע זאכן!? אז מיר זאגן אז דער 'זכרון בעולם הבא' מאכט דעם מענטשן מרה שחורה'דיג איז ווי קען איך זיין בשמחה תמיד? איך מוז דאך האבן די ביידע?

אונזערע לייט פלעגן זאגן, אז דאס איז די "שני תמידים כהלכתם": "מצוה גדולה להיות בשמחה 'תמיד'", און אינזינען האבן דעם עולם הבא 'תמיד'![טו] - אט די ביידע

---

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' רנ"ג.

[יד] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ד.

[טו] עי' ספר "נחת השולחן" (להרה"ג מטשעהרין זצ"ל) - אורח חיים, סי' תרצ"ז: "וזה שמסיים הרב ז"ל (חלק האורח חיים) בהגה זו 'וטוב לב משתה תמיד' ומובא ב"שערי תשובה" שגם הרב ז"ל נעץ סופן בתחלתם ויסד חתימה מעין פתיחה **שני תמידים** כסדרם, כי פתח בריש הגהותיו 'שויתי ה' לנגדי **תמיד**', וחתם 'וטוב לב משתה **תמיד**'. ומבואר הענין מאד כפי ענינינו שאנו עוסקין בו כמבואר לעיל בהתחלת הקונטרס, כי הרב ז"ל מלמד אותנו הדרך הקדוש שעוסק כאן רבינו זצ"ל שצריך כ"א מישראל לקשר עצמו אל השכל שיש בכל דבר בכדי שיאיר לו השכל הזה להתקרב להשי"ת עי"ז וכנ"ל. וזה עיקר הלימוד של שויתי ה' לנגדי תמיד היינו להסתכל ולהתבונן רק בהחיות אלהות והשכל והחכמה דקדושה שיש בכל דבר ובכל ענין כפי האדם והמקום והזמן ואז בוודאי יתקרב להשי"ת ע"י כל ענין. וכל סיבה וענין שיעבור עליו בוודאי יקבל באהבה ובשמחה ויהיה שמח תמיד בשמחה גדולה בבחי' 'איזהו עשיר השמח בחלקו' ...וזה עיקר ענין מאמר הכתוב 'וטוב לב משתה תמיד' ופירש"י 'ללמדך שיהיה האדם שמח בחלקו' היינו כנ"ל. **והשמחה הזאת בתמידיות בעצמה היא מסוגלת והכרחיות ביותר לקיים תמיד בשלימות ענין הק' הזה של שויתי ה' לנגדי תמיד** היינו להסתכל תמיד רק על השכל והחיות דקדושה שיש בכל דבר **כי אין דבר שיפסיד ההשגה ויבלבל השכל כמו העצבות; וכן אין דבר שמועיל ומוכרח לשלימות השכל וההשגה כמו השמחה דקדושה בתמידית** וכמבואר מזה במ"א".

**תמידין דארף מען האבן! און דאס קען זיין ביידע צוזאמען - און נישט נאר עס קען זיין, נאר אנדערש קען גאר קיין שמחה נישט זיין![טז]**

❖

## א קאפ פון א בהמה

**א מענטש, אז דער אויבערשטער העלפט אים אז ער גייט ארום מיט אזא מין געדאנק אז דאס איז דער תכלית פון א אידן און אז דאס איז אזא מין תענוג עולם הבא און אז צו דער תכלית דארף ער זיך צוגרייטן דא אין דער וועלט - איז ער שוין אויף אן אנדער פלאץ, ער איז שוין נישט דארטן.**

**דער רבי זאגט אין תורה כ"א[יז]: "במקום שחושב השכל שם הוא!" - וואו דער שכל טראכט, דארטן איז דער גאנצער מענטש! עס איז פארהאן אַן עולם המחשבה וואס דארטן האט דער מענטש א ציור נאר לויט ווי אזוי די מחשבה איז; וואס ער טראכט - אזוי א ציור האט ער דארטן!**

**עס שטייט אויפן בעל שם הקדוש, אז ער איז דורכגעגאנגען א שטוב פרייטאג צונאכטס מיט די חברייא. איז געזעצן דארטן א איד, א טאטע,ביים טיש מיט די קינדערלעך. האט דער בעל שם א זאג געגעבן צו זיי** (לחברייא)**: 'גיט א קוק דארטן'. איז געזעצן פון אויבן 'א קאפ פון א בהמה'... די חברייא שטייען צעקאכט: 'וואס איז דאס?' זאגט דער בעל שם: 'ער עסט איצטער קאָפּן פלייש, און ער ליגט אזוי אין דאס פלייש אז ער האט א צורה פון א קאפ פון א בהמה!**

---

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, י"ח; גם עי' בליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, אות ה': "**ועל כן צריכין להתגבר להיות בשמחה תמיד**, שעל ידי זה עיקר הכנעת המדמה, **ועל ידי זה יזכה לזכור בעלמא דאתי בכל יום!**" (ע"פ ליקוטי עצות ערך 'שמחה').

[יז] אות י"א, בסופו: "עִקַּר הָאָדָם הוּא הַשֵּׂכֶל, וְעַל כֵּן **בְּמָקוֹם שֶׁחוֹשֵׁב הַשֵּׂכֶל, שָׁם כָּל הָאָדָם**, וּכְשֶׁיּוֹדֵעַ וּמַשִּׂיג בִּידִיעַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא שָׁם מַמָּשׁ, וְכָל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ יוֹתֵר, הוּא נִכְלָל יוֹתֵר בְּהַשֹּׁרֶשׁ, דְּהַיְנוּ בּוֹ יִתְבָּרַךְ".

א טייל זאגן אז עס איז נישט געווען פרייטאג צונאכטס, ווייל א שבת'דיגע סעודה איז נישט אזוי[יח], נאר עס איז געווען אינמיטן וואך. אבער סיי ווי אזוי, אזא מין רעיון איז דא, וואס דאס גייט צו צום רבי'נס דיבור: "במקום שחושב השכל - דארטן איז ער אינגאנצן". ער איז אזוי געלעגן אין דאס פלייש, אז דארטן אין עולם המחשבה האט ער א צורה פון א קאפ פון א בהמה. זעהען מיר דאך אלץ, אז דער אויבערשטער העלפט אז דער מענטש גיט זיך א פארטראכט אין א גוטן געדאנק - בין איך דארטן, און אז ער לאזט זיך אפ - איז ער שוין דארטן...

מען מאכט היינט בילדער - פיל בילדער, אבער דאס איז נאר א בילד ווי אזוי מען זעהט אויס פון אויבן אויף; אבער א בילד פון אינעווייניג דאס קען מען גארנישט ווייזן. אבער דער רבי זאגט: "במקום שחושב השכל שם הוא!" קומט אויס, דאס איז דאך א בילד; אז דער מענטש קומט אהינצו דארטן ווייזט מען אים שיינע בילדער פון טעג מיט מינוטן – 'דו זעהסט? פון דער מינוט איז דא אזא שיינע בילד, און דא האסטו זיך פארטראכט – דו זעהסט וואספארא בילד דאס איז?' זעהט ער - דאס איז דאך ער אליין! אט האט מען אים געוויזן אזא מין שיינע בילד, און אט האט ער רח"ל - -

דאס זאגט דער אויבערשטער[יט]: "אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים" - 'פארוואס לאזטו מיר אפ?' פארוואס נעמסטו זיך "בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם"? מיר לאזטו אפ? דא איז דא אזא מין שיינע בילד, און דא גיסטו זיך א פארטראכט - וואספארא בייט האסטו דא געמאכט?!

אט דאס איז די גרויסקייט פון האבן ישוב הדעת, פון זיך מיישב זיין. אז איך וועל זיך מיישב זיין וועל איך דאך זעהן: 'גוואלד, פארוואס זאל איך אזוי טוהן? פארוואס זאל איך אפלאזן דעם אויבערשטן וואס ער איז דער 'מקור מים חיים' און זיך געבן

---

[יח] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ז, "**אכילת שבת היא כולה קודש וכולה אלוקות**" וכו', עיי"ש.

[יט] ירמיה ב, יג.

א פארטראכט אין נארישקייטן וואס דאס איז דאך 'בורות נשברים אשר לא יכילו המים'!?'.

עס שטייט אין זוהר הקדוש[כ], רבי אבא האט געזאגט: ווען קען זיין אז "אותי עזבו מקור מים חיים" אז מען זאל מאכן אזא חילוף אפצולאזן דעם 'מקור מים חיים' און נעמען 'בורות נשברים אשר לא יכילו המים'? אז מען לאזט אפ דעם אות ברית! אבער 'כל זמן' מען האלט דעם 'אות', קען ער בשום אופן נישט זיין אזוי נאריש אז מען זאל אפלאזן דעם 'מקור מים חיים' און זיך נעמען 'בורות נשברים'.

❖

## פול מיט שם הוי"ה

דער רבי זאגט[כא], 'אַן איש כשר איז אַן ענין אחר לגמרי'! אַן ענין אחר לגמרי!

אין "שערי ציון"[כב] הויבט ער אן רעדן דארטן די צירופים: די צוויי אויגן מיט דעם חוטם איז א שם הוי"ה; היות די צוויי אויגן איז צוויי יוד'ן, און דער חוטם איז א וא"ו, איז א שם הוי"ה[כג]. אז דער אויבערשטער העלפט אז מען היט אפ די אויגן, איז עס גאר א שם הוי"ה. און די רַגליים האבן אויך אותיות; אז א מענטש היט זיך אפ ווי מען דארף איז ער גאר פיל מיט אותיות מיט אלוקות!

---

[כ] ואתחנן דף רס"ו ע"א.

[כא] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קט"ז; ובשיחות הר"ן אות י"ד.

[כב] שער ב' – תיקון הנפש.

[כג] שני יודין עם וא"ו הם בגימ' 26 כמנין שם הוי"ה.

"**וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם**"[כד]. אזוי ווי אז מען איז מטמא די אויגן, איז רח"ל וואס עס ווערט פון די אויגן. דער רבי זאגט אין תורה ל"ו[כה], אז דערפאר הייסן די אויגן "עין", ווייל אלע עי"ן – אלע זיבעציג מידות ליגן אין די אויגן; אז מען היט אפ די אויגן זענען די אויגן 'עי"ן פנים של תורה', עי"ן נפש של בית יעקב; און אז חלילה פארקערט, איז עס אלע עי"ן מידות רעות - און דאס איז ביי די אויגן, און ביי דעם מויל, און ביי יעדער זאך איז אזוי.

קומט אויס, אז דער מענטש אליין איז אזוי ווי א ספר תורה, אזוי ווי די גמרא זאגט[כו]: "**כמה טפשאי שאר אינשי דקיימי מקמי ספר תורה, ולא קיימי מקמי צורבי דרבנן**". ווייל א צורבי דרבנן איז דאך אליין א תורה; א צורבי דרבנן וואס האלט זיך אזוי הייליג, אזוי גרויס, איז דאך אליין א תורה, ער איז דאך פול מיט שם הוי"ה.

❖

## צו וואס דארף מען אונז דא?

זאגט דער רבי אזוי (אות ב'): "**וְדַע, שֶׁהַתַּכְלִית שֶׁל הַבְּרִיאָה הוּא שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא**". פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט באשאפן א וועלט? ער האט דאך שוין באשאפן מיליאנען מלאכים, מיליארדן, וואס דינען דעם אויבערשטן מיט אזא מין התלהבות, מיט אזא מין ברען, מיט אזא מין פלאקער, 'רצוא ושוב', זיי ווערן פארברענט, זיי פאלן אריין אין נהר דינור, האט ער דאך אזעלכע עובדים באמת - אזעלכע מיני פלאקערדיגע מלאכים, פארוואס דארף ער האבן דעם עולם פון דא? נאר דאס איז דאך א סימן אז דער אויבערשטער איז אזא מין רחמן, און אז עס איז

---

[כד] במדבר טו, לט.

[כה] עיי"ש אות ב': "וּבִשְׁבִיל זֶה דָּרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת י"ב:) עַל פָּסוּק: "אַחֲרֵי לְבַבְכֶם" וְכוּ', (אַחֲרֵי לְבַבְכֶם זֶהוּ מִינוּת. **וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זוֹ נִאוּף**). גַּם שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו (שָׁם, וְסוֹטָה ט:), גַּם בִּלְעָם נִקְרָא "שְׁתוּם הָעָיִן" (בַּמִּדְבָּר כ"ד) **מֵחֲמַת שֶׁהוּא כְּלָלִיּוּת מִדָּה רָעָה שֶׁל מִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הַשִּׁבְעִים לָשׁוֹן**".

[כו] מכות כב:

דא אזא מין סארט תענוג וואס מלאכים וועלן בשום אופן נישט קענען קומען צו דעם, וואס דערפאר האט ער באשאפן א בריאה אין דעם עולם אז זיי זאלן קענען קומען צו דעם תענוג.

- פארוואס וועלן זיי (- עובדי ה') יא קומען - און זיי נישט? ווייל מלאכים האבן נישט קיין שום מניעה, זיי האבן נישט קיין שום זאך וואס זאל זיי מונע זיין - זיי ברענען, זיי פלאקערן, אבער זיי האבן נישט קיין שום זאך וואס עס זאל זיי אפהאלטן. אבער א מענטש אין דער וועלט וואס ער האט מניעות דערצו און ער דארף האבן די אלע הצטרכות'ן אין דער וועלט - אז ער וועט זיך האלטן וועט ער האבן (תענוג שעשוע עולם הבא!)[כז].

❖

## דאס רחמנות פונעם אויבערשטן!

דער רבי ברענגט[כח] דאס לשון פון "עץ חיים"[כט], אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט כדי צו ארויסווייזן זיין רחמנות; וואס איז די רחמנות פון דעם אויבערשטן? די רחמנות פון אויבערשטן איז, ער זאל ארויסווייזן דעם תענוג פון עולם הבא!

אין דעם עולם (מיינט) רחמנות, עסן און טרינקען און זיין געזונט - אוודאי איז דאס רחמנות, אבער צוליב דעם אליין וואלט נאך נישט געוועןקיין בריאה; ווייל ער וויל

[כז] עי' ליקוטי הלכות הכשר כלים ה"ד, אות י"ח: "וְזֶה עִקַּר בִּיאַת הָאָדָם לְזֶה הָעוֹלָם בִּשְׁבִיל שֶׁיִּהְיֶה לוֹ נִסְיוֹנוֹת וּמְנִיעוֹת כָּאֵלֶּה מִלְּהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ. וְהוּא יִתְגַּבֵּר בְּתֹקֶף חִשְׁקוֹ דִּקְדֻשָּׁה וִישַׁבֵּר כֻּלָּם, **וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא יִזְכֶּה מַה שֶּׁיִּזְכֶּה מַה שֶּׁאֵין הַמַּלְאָכִים זוֹכִין לָזֶה, כִּי זֶה עִקַּר מַעֲלַת הָאָדָם עַל הַכֹּל**, מֵחֲמַת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִירָה. **וְעִקַּר הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן הוּא מֵחֲמַת רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת מֵהַקְּדֻשָּׁה שֶׁיֵּשׁ לְכָל אָדָם**".

[כח] ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ד, בתחילתו: "**כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵחֲמַת רַחֲמָנוּתוֹ בָּרָא אֶת הָעוֹלָם, כִּי רָצָה לְגַלּוֹת רַחֲמָנוּתוֹ, וְאִם לֹא הָיָה בְּרִיאַת הָעוֹלָם עַל מִי הָיָה מַרְאֶה רַחֲמָנוּתוֹ? וְעַל כֵּן בָּרָא אֶת כָּל הַבְּרִיאָה מִתְּחִלַּת הָאֲצִילוּת, עַד סוֹף נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי, כְּדֵי לְהַרְאוֹת רַחֲמָנוּתוֹ!**".

[כט] שער א' ענף א'.

ארויסווייזן זיין רחמנות, זיין גרויסקייט, זיין השגות אלקות - און מלאכים קענען דאס בשום אופן נישט דערלאנגען (- משיג זיין) ווייל זיי האבן נישט קיין מניעות, זיי האבן נישט קיין 'כנגד' - האט ער באשאפן דער וועלט, דעם עולם העשיה, וואס דא מוז מען האבן הצטרכות'ן, דא מוז ער אריינגיין אין גשמיות'דיגע זאכן – און אז דער מענטש וועט טוהן אזוי ווי די הייליגע ספרים שרייבן, און אזוי ווי די עצות, וועט ער זיין העכער ווי א מלאך! דערפאר האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן אזא מין בריאה, ווארום די מלאכים וועלן נישט האבן דעם תענוג.

לעתיד וועט דער אויבערשטער מאכן א מחול לצדיקים, און יעדער וועט ווייזן - "**כל אחד מראה באצבעו** - זה ה' קוינו לו"[ל]. דער מחול וועט נאר זיין לצדיקים - און דער אויבערשטער וועט זיין דער ראש פון דעם מחול. דער אויבערשטער וועט נישט קענען מאכן קיין 'מחול למלאכים'? די מלאכים זענען דאך א געוואלד! ער רעדט אוים דארטן אין "שערי ציון"[לא] פון שבת וואס די מלאכים טוהען - א געוואלד זייער עבודה! א ברען, א פלאקער - זאל מען מאכן א מחול מיט זיי? ניין, מיט זיי קען מען נישט מאכן קיין מחול, א מחול וועט מען מאכן מיט די צדיקים וואס יעדער וועט ווייזן באצבעו - 'זה ה' קוינו לו' - מיר זענען געוועזן אין דער וועלט און מיר האבן אים דערקענט – "זה ה'"! אט דאס איז דער מחול, אט דאס איז די שמחה פונעם אויבערשטן, און דאס איז טאקע דער תענוג פון עולם הבא!

דערפאר האט דער רבי געהייסן מען זאל האבן חברים, רעדן איינער מיטן אנדערן, רעדן פון תכלית, און מען זאל טאקע ארום רעדן פון עבודת השם.

איז מען טאקע א שלימזל'ניק! זעה צו וואס האט מען באשאפן דער גאנצער בריאה בכלל - און דיר בפרט, כדי דו זאלסט דאך האבן דעם תענוג עולם הבא, די

[ל] תענית לא.

[לא] שער ג' – "תיקוני תפילות" ליום השבת.

תענוגים! נו, און דאס דארפסטו צוגרייטן נאר דא! ווי אזוי זענען טאקע געווארן די צדיקים, צדיקים? נאר פון דעם עולם!

❖

## "חַיִּים טוֹבִים שֶׁלֹּא חָיִיתִי מֵעוֹלָם"

איז דעם תכלית פון דער בריאה איז שעשוע עולם הבא. "וְאִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב זֹאת הַתַּכְלִית לְמַחְשְׁבוֹת בְּנֵי אָדָם" – מען קען גארנישט אריינגעמען דעם תכלית אין די געדאנקען פון א מענטשן. "כִּי זֹאת הַתַּכְלִית עָלָיו נֶאֱמַר (יְשַׁעְיָהוּ ס"ד): "עַיִן לֹא רָאָתָה וְכוּ'". מיר ווייסן נאר אז עס איז אזא מין תענוג, אבער בשום אופן קען מען דעם תענוג נישט משיג זיין.

פריער זאגט דאך דער רבי, אז א מענטש וויל האבן א בית מאָלט ער זיך אויס דעם בית ווי אזוי דער בית וועט אויסזעהן - דער חדר אזוי, די קאך אזוי פיל, און דאס וועט ער שטעלן דא, דא וועט ער מאכן אזוי, דעם שלאף צימער, דעם עס צימער, דא דער סאלאן - אלעס אויסגעמאלן ווי אזוי עס וועט זיין - און נאך דעם הויבט ער אָן צו בויען דעם בית. קומט אויס אז ער מאָלט זיך יא אויס אינגאנצן דעם פלאן פון דעם בית ווי אזוי ער וועט אויסזעהן - און דא זאגט דער רבי, אז מען קען גאר בשום אופן נישט משיג זיין דעם תכלית - "עין לא ראתה" (- ולכאורה איך אפשר שתהיה התכלית קרובה למחשבתו?) דער רבי זאגט טאקע, אז די צדיקים באמת - זיי קענען יא 'לתפוס במחשבתם תכלית עולם הבא' (- אבער ווי אזוי טאקע? הלא 'עין לא ראתה אלקים זולתך'!?).

דער טשעהרינער רב זאגט[לב] טאקע, וויבאלד אז עס איז 'עין לא ראתה' איז ווי קענען די צדיקים יא 'לתפוס במחשבתם'? זאגט ער דארטן, אז דאס איז נאר "איזה תפיסה" - אבער נישט ממש! -

---

[לב] על תורה זו, עיי"ש, אות ב'.

אבער מען קען אזוי זאגן גאר, עס איז דא פון בעל שם הקדוש, אז עס איז דא א מענטש וואס האט אזא מין דביקות אין דעם אויבערשטן וואס דעמאלט טאר ער אפילו נישט רעדן קיין דיבור אויך, ווארום דער דיבור וועט איבערהאקן דאס דביקות![לג] דאס דביקות אליין איז גאר העכער ווי דער דיבור!

(ממילא יש לומר:) די צדיקים ווייל זיי זענען אינגאנצן מופשט פון דער וועלט, זיי האבן נישט קיין שום גבול, זיי זענען אינגאנצן מופשט פון גבול - קענען זיי יא האבן א תפיסה אין דעם תכלית פון עולם הבא, וויבאלד זיי זענען אינגאנצן בלתי גבול! איי, איז דאך א קשיא, מלאכים זענען דאך אויך בלתי גבול? אבער זייער בלתי גבול איז דאך נישט ווייל זיי האבן זיך אויסגעהארעוועט אז זיי זאלן זיין בלתי גבול, נאר ער איז אזוי ווייל דער אויבערשטער האט אים אזוי באשאפן – 'מלאכים האבן נישט קיין שום גבול פון דער וועלט'; אבער דער אויבערשטער האט דאך באשאפן דעם עולם, און די צדיקים זענען יא מיט א גבול און זיי האבן זיך אויסגעהארעוועט אז דער גבול איז ביי זיי גארנישט, עס איז ביי זיי גארנישט תופס מקום – דערפאר קען אין אים יא אריין עפעס א תפיסה דארטן פון 'בלתי גבול'!

דער רבי האט געזאגט טאקע[לד]: היינט האב איך געלעבט א לעבן וואס מעולם האב איך נאך אזא לעבן נישט געלעבט - "שלא חייתי מעולם חיים כאלה"! וואס

---

[לג] עי' צוואת הריב"ש, אות נ"ט: "**לפעמים כשהאדם דבוק בעולם העליון בבורא יתברך צריך לשמור עצמו של יעשה שום תנועה אפילו בגופו שלא יבטל הדביקות שלו**". גם עי' ליקוטי מוהר"ן סי' רל"ד: "הַמַּחֲשָׁבָה גְּבוֹהָה מְאֹד, וּמִי שֶׁרוֹצֶה לִכָּנֵס אֶל עוֹלַם הַמַּחֲשָׁבָה, צָרִיךְ לִשְׁתֹּק, **וַאֲפִלּוּ אִם יְדַבֵּר אָז דִּבּוּר הָגוּן, הוּא מַפְסִיד הַמַּחֲשָׁבָה**, כִּי הַמַּחֲשָׁבָה הוּא דָּבָר גָּבוֹהַּ מְאֹד, שֶׁאֲפִלּוּ דִּבּוּר הָגוּן מַפְסִידָהּ, וְזֶה בְּחִינַת (מְנָחוֹת כט): 'שְׁתֹק כָּךְ עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה', שֶׁלַּעֲלוֹת אֶל הַמַּחֲשָׁבָה צָרִיךְ לִשְׁתֹּק" וכו', עיי"ש.

[לד] עי' חיי מוהר"ן אות ח': "'**רַבִּי יוֹנָתָן מְשִׁתָּעֵי קַרְטָלִיתָא' בְּסִימָן י"ח**. אֵיזֶה זְמַן קֹדֶם שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה הַזֹּאת נִכְנַסְנוּ פַּעַם אַחַת אֵלָיו אֲנִי וַחֲבֵרִי וּבָאנוּ לְחַדְרוֹ, וְהָיָה שׁוֹכֵב עַל מִטָּתוֹ וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִמָּנוּ. עָנָה וְאָמַר, **אֲנִי חָיִיתִי הַיּוֹם חַיִּים שֶׁלֹּא חָיִיתִי עֲדַיִן מֵעוֹלָם, כִּי יֵשׁ כַּמָּה מִינֵי חַיִּים, וְהַכֹּל נִקְרָא חַיִּים, אֲבָל הַיּוֹם חָיִיתִי חַיִּים טוֹבִים שֶׁלֹּא חָיִיתִי מֵעוֹלָם חַיִּים כָּאֵלֶּה**. וְאַחַר כָּךְ הִתְחִיל לְדַבֵּר וְלִזְרֹק מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ דִּבּוּרִים וְגִלָּה קְצָת רָאשֵׁי פְּרָקִים מֵהַתּוֹרָה קַרְטָלִיתָא וְלֹא גִּלָּה לָנוּ כָּל הַתּוֹרָה אָז בְּפֵרוּשׁ, רַק רָאשֵׁי פְּרָקִים בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה, גַּם אַחַר כָּךְ דִּבֵּר עִמָּנוּ עוֹד בִּזְמַנִּים אֲחֵרִים כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן הַחַיִּים הַנַּ"ל שֶׁהַכֹּל נִקְרָא חַיִּים. וְגַם בְּעִנְיַן חַיֵּי צַעַר יֵשׁ חִלּוּקִים הַרְבֵּה וּמוּבָן כַּוָּנָתוֹ שֶׁעִקַּר הַחַיִּים כְּשֶׁזּוֹכִין לֵידַע מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ וּלְהַשִּׂיג

איז דאס חיות פון די צדיקים, בפרט פון דעם רבי'ן? אזוי פיל בלתי גבול! דער גוף איז אזוי פיל 'אפס ואַיִן' - אז אזא מין תענוג וואס ער האט געהאט היינט, האט ער נאך אזעלכעס נישט געהאט! די צדיקים הארעווען אזוי פיל אז זיי זאל קענען דערפילן דעם תענוג פון דארטן; און וואס ער וועט אוועקלייגן מער די הנאות פון דער וועלט, קען ער האבן (מער שייכות מיטן תכלית!).

❖

## געבן דעם יצר הרע א נייעם נאמען

מיר רעדן אזוי שארף - אבער עפעס איז ביי יעדן איינעם דא; וואס דער מענטש וועט זיך אוועקרייסן פון די תענוגים פון די תאוות - אפילו ער איז יא אין דער וועלט, ער מוז דאך עסן, ער מוז דאך טרינקען, ער מוז דאך שלאפן, ער מוז דאך האבן א מלבוש – אבער 'האָב א התקשרות צו א תכלית'! שטעל זיך נישט אפ ביי דער זאך אליין - אויב דו האסט א 'התקשרות צו א תכלית' דעמאלט האסטו שוין א שייכות מיט עלמא דאתי!

ער דארף זיך נישט לאזן נארן אז ער איז שוין א צדיק. אז דער רבי זאגט[לה]: "איר זאלט זיך נישט לאזן נארן", האט דער רבי געמיינט אין אלע ענינים זאל מען זיך נישט לאזן נארן: לאז זיך נישט נארן - 'זיך ארייננצולאזן אין די נארישקייטן', און לאז זיך נישט נארן - 'דו ביסט שוין עפעס'. דער בעל דבר האט אסאך וועגן צו כאפן דעם מענטשן, טאמער ער זעהט אז דער מענטש וויל זיך נישט לאזן אזוי פיל נארן, כאפט

---

הַשָּׂגַת הַתּוֹרָה הַשָּׂגָה אֲמִתִּיּוּת כִּי הֵם עִקַּר הַחַיִּים בֶּאֱמֶת כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל), "כִּי הוּא חַיֶּיךָ" אֲבָל אֵין כָּל הַחַיִּים שָׁוִין וְגַם אֶצְלוֹ בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה חִלּוּק בֵּין הַחַיִּים שֶׁל הַזְּמַן הַקֹּדֶם לַחַיִּים שֶׁל עַכְשָׁו, עַד שֶׁהִתְפָּאֵר שֶׁחַיֵּי הַיּוֹם חַיִּים שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא חַי חַיִּים כָּאֵלֶּה. רְאֵה וְהַבֵּט וְהָבֵן עַמְקוּת הַלָּשׁוֹן הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, **אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִרְאוֹת אִישׁ חַי כָּזֶה**".

[לה] שיחות הר"ן נ"א.

ער אים מיט א דמיון - ער טראכט: 'איך האב שוין עפעס'; 'איך בין שוין עפעס' - ער כאפט אים אין א מדמה.

דערפאר האט דער רבי א זאג געגעבן: איך האב א נאמען געגעבן דעם בעל דבר א נייעם נאמען: "מדמה"!

(ר' נחמן בורשטיין: ביי וועלכע תורה האט דער רבי געזאגט אז מען דארף אים געבן א נייעם נאמען?)
**תורה כ"ה.**

(קורא מבפנים:) **"אַחַר שֶׁאָמַר מַאֲמָר הַנַּ"ל, וְשָׁם מְכַנֶּה וְקוֹרֵא כָּל תַּאֲווֹת הַיֵּצֶר הָרָע בְּשֵׁם כֹּחַ הַמְדַמֶּה. אָמַר אָז: צְרִיכִין לִקְרֹא לוֹ וּלְכַנּוֹת לוֹ שֵׁם אַחֵר, הַיְנוּ לְהַבַּעַל דָּבָר וְהַיֵּצֶר הָרָע צְרִיכִין לִקְרוֹת אוֹתוֹ בְּשֵׁם אַחֵר, דְּהַיְנוּ שֶׁלֹּא לִקְרוֹתוֹ עוֹד בְּשֵׁם יֵצֶר הָרָע, רַק בְּשֵׁם כֹּחַ הַמְדַמֶּה. וְאָמַר זֹאת בְּדֶרֶךְ שְׂחוֹק, אֲבָל הֵבַנְתִּי שֶׁהָיָה לוֹ בָּזֶה כַּוָּנָה שְׁלֵמָה, וְלֹא זָכִיתִי לְהָבִין כַּוָּנָתוֹ בָּזֶה".**

די גמרא[לו] זאגט אז דער יצר הרע האט זיבן נעמען. און דער רבי האט געזאגט: 'איך האב אים גערופן א נייעם נאמען "מדמה"!' - רבי אברהם ר' נחמן'ס רעדט דערפון[לז]. מדמה' איז אַן אכטער נאמען.

---

[לו] סוכה דף נ"ב ע"א: "דרש רבי עוירא, ואיתימא רבי יהושע בן לוי, שבעה שמות יש לו ליצר הרע, הקדוש ברוך הוא קראו "רע" שנאמר 'כי יצר לב האדם רע מנעוריו'. משה קראו "ערל" שנאמר 'ומלתם את ערלת לבבכם'. דוד קראו "טמא" שנאמר 'לב טהור ברא לי אלקים' מכלל דאיכא טמא. שלמה קראו "שונא" שנאמר 'אם רעב שנאך האכילהו לחם ואם צמא השקהו מים כי גחלים אתה חותה על ראשו וה' ישלם לך' אל תקרי ישלם לך אלא ישלימנו לך. ישעיה קראו "מכשול" שנאמר 'סולו סולו פנו דרך הרימו מכשול מדרך עמי'. יחזקאל קראו "אבן" שנאמר 'והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר'. יואל קראו "צפוני" שנאמר 'ואת הצפוני ארחיק מעליכם'".

[לז] עי' כוכבי אור – 'חכמה ובינה', אות ל"ו: "וְהִנֵּה בְּכָל הַמְבֹאָר עַד הֵנָּה נִרְאֶה לְפִי עֲנִיּוּת דַּעְתִּי לְרַמֵּז בְּמַאֲמָרוֹ הַקָּדוֹשׁ, שֶׁלְּאַחַר הַתּוֹרָה 'אַחֲוֵי לָן מָנָא' בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן כ"ה, **שֶׁצְּרִיכִין לְכַנּוֹת לְהַיֵּצֶר הָרָע שֵׁם אַחֵר, שֶׁלֹּא לִקְרוֹתוֹ עוֹד בְּשֵׁם יֵצֶר הָרָע רַק בְּשֵׁם כֹּחַ הַמְדַמֶּה** עַיֵּן שָׁם. עַל פִּי מַה שֶּׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל שִׁבְעָה שֵׁמוֹת יֵשׁ לוֹ לַיֵּצֶר הָרָע כוּ'. וְיָדוּעַ לְיוֹדְעֵי חֵן שֶׁהֵם כְּנֶגֶד הַשֶּׁבַע מִדּוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, כִּי זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, כְּנֶגֶד שֶׁבַע מִדּוֹת הַנִּמְצָאִים בְּהַקְּדֻשָּׁה כַּמּוּבָן כָּל זֶה בְּסִפְרֵי אֱמֶת. וְהִנֵּה עַד הֵנָּה לֹא הָיָה

רבי אברהם ר' נחמן'ס רעדט - וואס איז דאס לשון 'מדמה'? נאר, די זיבן נעמען זענען קעגן די מ"ט שערי בינה; דאס הייסט, וויבאלד די צדיקים זענען משיג די מ"ט שערי בינה, האט דער יצר הרע (זה לעומת זה) זיבן נעמען וואס יעדע איינס איז כלול פון זיבן – "שבעתיים" (= 49). און די מ"ט שערי טומאה זענען קעגן די מ"ט שערי קדושה. אבער אז עס איז שוין דא דער צדיק וואס ער האט שוין משיג געווען דעם שער הנו"ן פון "בינה" וואס דאס איז דאך 'מבין דבר מתוך דבר', קען שוין דער בעל דבר קומען צו גיין און 'מדמה זיין מילתא למילתא'. ווייל דאס ענין פון 'מדמה' איז דאך אויך דאס אייגענע, אזוי ווי אין קדושה, אין בינה, איז דא 'מבין דבר מתוך דבר', אזוי איז אויך דא (זה לעומת זה) 'מדמה'.

'נאך א נאמען' מיינט, אז ער האט נאך א כח, ווייל די קדושה איז אויך א העכערער כח!

❖

בָּעוֹלָם כִּי אִם הֶאָרַת הַשֶּׁבַע מִדּוֹת הָאֵלֶּה שֶׁהִשִּׂיגוּ אוֹתָם הַשִּׁבְעָה רוֹעִים לְהַמְשִׁיכָם וּלְהָאִירָם עָלֵינוּ, עַל כֵּן לֹא הָיָה כְּנֶגֶד זֶה כִּי אִם שִׁבְעָה כֹּחוֹת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁהֵם בְּחִינַת שִׁבְעָה שֵׁמוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ. **אֲבָל מִשֶּׁבָּא אַדְמוֹ"ר זַ"ל לָעוֹלָם**, וְהִתְחִיל לְהָאִיר וּלְהוֹפִיעַ עָלֵינוּ הַמִּדָּה הַשְּׁמִינִית שֶׁהִיא בִּינָה עִלָּאָה, שֶׁהִשִּׂיגָהּ בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת אַחֲרָיו וְכוּ', **עַל כֵּן זֶה לְעֻמַּת זֶה גָּבְרָה וְעָצְמָה מְאֹד גַּם הַמִּדָּה הַשְּׁמִינִית שֶׁל הַסִּטְרָא אָחֳרָא שֶׁהִיא בְּחִינַת מְדַמֶּה, כִּי בִּינָה דִּקְדֻשָּׁה הוּא בְּחִינַת מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, וְזֶה לְעֻמַּת זֶה בִּינָה דְּסִטְרָא אָחֳרָא הוּא בְּחִינַת מְדַמֶּה דָּבָר לְדָבָר בְּשָׁוְא וָהֶבֶל"**.

# "אין אדם דן גזירה שוה מעצמו"

**דאכט זיך מיר, ביי תורה נ"ד האט דער רבי געגעבן רבי אהרן'ען דער רב א בירור המדמה אין פסק'נען שאלות!**[לח]. **"אין אדם דן גזירה שוה מעצמו"**[לט], **ווייל עס קען זיין עס זאל זיין מדמה, ער איז מדמה מילתא למילתא - און עס זאל זיין מדמה**[מ].

**אז עס איז געווען א שאלה אין שטוב ביי רבי נתן'ען, האט רבי נתן געהייסן זיך דורכפירן, ער האט אנגעקוקט די שאלה, נאך דעם האט ער געהייסן פרעגן פאר רבי אהרן'ען דער רב. ווייל דער רבי האט געזאגט: "איך האב אים געגעבן א בירור המדמה צו פסק'נען שאלות!".**

(ר' נחמן: רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט דאס ענין פון בירור המדמה אויף רבי נתן'ען אליין!) **יא יא, דאס איז א באזונדערע זאך**[מא].

---

[לח] עי' אבניה ברזל – 'שיחות וסיפורים מרביז"ל', אות נ"ב.

[לט] נדה יט:

[מ] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, בסופו: "כְּלַל הָעִנְיָן, הוּא מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים ס"ו, נִדָּה י"ט:) **אֵין אָדָם דָּן גְּזֵרָה שָׁוָה מֵעַצְמוֹ**. כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא דָּן גְּזֵרָה שָׁוָה מֵעַצְמוֹ, וְהוּא מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה. שֶׁמְּדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא כַּנַּ"ל עַיֵּן שָׁם. **עַל כֵּן אָסוּר לָדוּן גְּזֵרָה שָׁוָה, הַיְנוּ לְדַמּוֹת מִלְּתָא לְמִלְּתָא, מֵעַצְמוֹ. אֶלָּא אִם כֵּן קִבְּלָהּ מֵרַבּוֹ**, וְרַבּוֹ מֵרַבּוֹ, עַד משֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, מִפִּי הַגְּבוּרָה, כְּדֵי לְהִנָּצֵל מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה וְהָבֵן".

[מא] עי' "ביאור הליקוטים" על תורה נ"ד, אות ד': "**שמעתי מאבי ששמע ממוהרנ"ת ז"ל, שבהמאמר והשגה הזאת, פקד וצוה עליו אדמו"ר ז"ל מאז והלאה, לחדש בתורתו**, ושעל זה סבב בכלל הענין, אין אדם דן וכו', לדמות מילתא למילתא מעצמו, אלא אם כן קיבלה מרבו וכו'. ואמר אז [מה שמובא בחיי מוהר"ן, בהשיחה עבודת ה' אות פ"ד], שהמשיך לאנשיו כח המדמה ברור וזך, **ועיקר דבריו היו על מוהרנ"ת ז"ל בעצמו**, שהוא שקיבל אז מאתו בירור המדמה, לחדש ולדמות מילתא למילתא, ובלי טעות והיפך חס ושלום".

עס איז דאך א געוואלד, עס איז דאך א געוואלד! דער רבי זאגט אין תורה "תקעו תוכחה"[מב], אז מען איז זוכה זיך מקרב זיין צום צדיק איז מען זוכה צו בירור המדמה! א מדמה איז דאך דא, ער איז מדמה מילתא למילתא; אינגאנצן דאס ענין פון 'מבין דבר מתוך דבר' איז דאך אַן ענין פון 'מדמה', נאר עס דארף זיין א בירור[מג]. אזוי מאכט דאך דער מדמה אומגליקליך דער וועלט, ער מאכט דאך יעדן איינעם אומגליקליך, ער איז 'מדמה מילתא למילתא' (לתענוגי העוה"ז) און ער מאכט דעם מענטש אומגליקליך.

די גמרא זאגט: "אין אדם דן גזירה שוה מעצמו אלא אם כן קבלה מרבו ורבו מרבו עד משה רבינו ע"ה מפי הגבורה". פארוואס? ווייל עס קען זיין 'שהוא דן גזירה שוה מעצמו' – און עס איז גאר מכח המדמה, ער איז מדמה מילתא למילתא. זאגן חז"ל, א גזירה שוה קען ער נישט דן זיין מעצמו סיידן ער האט עס געהערט מרבו - 'ורבו מרבו עד הלכה למשה מסיני', ווייל עס קען זיין אז עס איז מדמה.

דער רבי רעדט דאך אין דער תורה פון 'מדמה' (ליקו"מ נ"ד), אז מען פאלט אריין אין מדמה.

---

[מב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח', אות ח': "וְעַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁיֵּשׁ לְהַמַּנְהִיג הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, עַל יְדֵי זֶה כָּל הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו נִתְחַזֵּק וְנִתְתַּקֵּן אֶצְלָם הָאֱמוּנָה הָאֲמִתִּית דִּקְדֻשָּׁה. **כִּי כָל מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב לַמַּנְהִיג הָאֲמִתִּי, עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּתוֹ אֵלָיו נִתְתַּקֵּן וְנִתְבָּרֵר אֶצְלוֹ בְּחִינַת הַמְדַמֶּה**, עַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ נְבוּאָה שֶׁל הַמַּנְהִיג. כִּי עִקַּר תִּקּוּן הַמְדַמֶּה הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי תִּקּוּן הַמְדַמֶּה נִתְתַּקֵּן וְנִתְבָּרֵר הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה כַּנַּ"ל. **עַל כֵּן כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה**".

[מג] עי' ליקוטי הלכות שלוחין ה"ה, אות א': "הַמְדַמֶּה הוּא שְׁלִיחַ הַשֵּׂכֶל, כִּי הַשֵּׂכֶל רָחוֹק מִכָּל יְדִיעוֹת הַגַּשְׁמִיּוּת רַק עַל יְדֵי הַמְדַמֶּה, שֶׁהוּא כֹּחַ שֶׁל הַשֵּׂכֶל, עַל יְדֵי זֶה מַגִּיעַ לְהַשֵּׂכֶל יְדִיעוֹת תַּאֲרֵי הַגַּשְׁמִיּוּת. **וְעַל כֵּן שָׁם בִּבְחִינַת הַמְדַמֶּה, שָׁם עִקַּר הַבְּחִירָה**, כִּי בִּפְנִימִיּוּת הַשֵּׂכֶל הָאֲמִתִּי אֵין שׁוּם בְּחִירָה, כִּי פְּנִימִיּוּת הַשֵּׂכֶל הָאֲמִתִּי רָחוֹק מִכָּל הַתַּאֲווֹת הַגַּשְׁמִיּוּת וּמִכָּל הַמִּדּוֹת רַק דָּבוּק בִּשְׁלֵמוּת בַּה' יִתְבָּרַךְ, רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לְהַשֵּׂכֶל תְּפִיסָה בְּהַגַּשְׁמִיּוּת כִּי אִם עַל יְדֵי כֹּחַ הַמְדַמֶּה שֶׁהוּא שְׁלִיחַ הַשֵּׂכֶל כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה כָּל כֹּחַ הַבְּחִירָה, **כִּי בְּהַמְדַמֶּה יְכוֹלִין לְהִתְאַחֵז טָעוּתִים הַרְבֵּה עַל יְדֵי שֶׁהוּא מְדַמֶּה מִלְּתָא לְמִלְּתָא** וְהוּא בִּבְחִינַת עֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע, כִּי שָׁם בְּהַמְדַמֶּה עִקַּר אֲחִיזַת הָרַע עַל יְדֵי הַטָּעֻיּוֹת וְהַשְּׁקָרִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כֹּחַ לְהִתְאַחֵז בְּהַמְדַמֶּה, כַּמּוּבָן כָּל זֶה בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בִּדְבָרֵינוּ".

(אחד הנוכחים: די אמונה האט אויך מיט מדמה!) יא, דורך בירור המדמה קומט מען צו שלימות אמונה[מד]; וויבאלד אבער אז דער מדמה איז נישט מבורר, איז די אמונה נישט מבורר.

❖

## לעבן מיט א ישוב הדעת

דער רבי האט געזאגט טאקע[מה], אָן התבודדות רופט ער עס אָן 'פלוטעס'! וואס הייסט פלוטעס? מען מאכט א מדמה! 'פלוטעס' איז אזא מין ענין אז ממש מען דערקענט גארנישט דעם מענטש! א מענטש וואס דער אויבערשטער העלפט אים ער איז זיך מיישב פארן אויבערשטן, איז ער דאך א גלייכער מענטש, ער איז גלייך, גלייך.

עס איז פארהאן אמאל איינער וואס ער האט א שגעון - וואס מען זעהט אין אים דעם שגעון. אבער עס איז דא איינער וואס מען זעהט גארנישט אָן דעם שגעון פון אויבן, נאר דער מח לויפט, עס פליהט, עס פליהט, ער לויפט פון דעם צו דעם - און פון דעם צו דעם, ער האט נישט קיין קביעות'דיגן געדאנק זיך צו קובע זיין ביים דאווענען, ביים לערנען, זיך קובע זיין אין א זאך אז דאס איז עס, איך גיי נישט אוועק - ער איז א מבוהל, א מבולבל.

וואויל איז דעם וואס ער איז זיך מיישב פארן אויבערשטן - ער לעבט א לעבן פון ישוב הדעת! מיר ווייסן אליין נישט וואס מען קען זוכה זיין דורך ישוב הדעת, מיר ווייסן אליין נישט די גרויסקייט דערפון - מען רעדט דערפון, אבער דאס גרויסקייט

---

[מד] עי' לעיל הערה מב'.

[מה] עי' שיחות הר"ן, אות רכ"ח: "שמעתי בשמו שאמר: בודאי נמצאים כשרים אף על פי שאין להם התבודדות. אבל אני קורא אותם "פלייטיס" מבוהלים ומבולבלים. ופתאום כשיבוא משיח ויקרא אותם יהיו מעורבבים ומבולבלים. אבל אנחנו נהיה דומים כמו האדם אחר השינה שדעתו נוחה ומיושבת היטב כן תהיה דעתנו נוחה ומיושבת עלינו בלי מהומה ובלבול".

פון זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, דאס קען מען גארנישט אזוי פיל וויסן. אז דער אויבערשטער העלפט א מענטשן אז ער טוהט אין דער זאך און ער איז זיך מיישב אין דער זאך, דאס קען אים ברענגען א ישוב הדעת.

מען דארף אזוי פיל רעדן דערפון, אזוי ווי דער רבי רעדט דארטן[מו] קענן (מה שגילה כל כך הרבה סודות נוראים) - אז מען גיסט אריין אין דעם בן מלך אז עס זאל אריינגיין עפעס א טראפ.

דאס ענין פון ישוב הדעת איז א געוואלדיגע זאך, דאס שטעלט אים אוועק אויף אַן אנדער ציור. דעם מענטשן דאכט זיך צומאל אז ער האט שוין ישוב הדעת, (אבל באמת) אזוי ווי ביי דעם תכלית זאגט דער רבי דא אז דאס איז בלתי גבול - דאס ישוב הדעת אויך אזוי, ער מיינט אז ער האט גארנישט כסדר וואס זיך צו מיישב זיין - ווארום די וועלט נארט אפ, יעדע רגע נארט ער מיר אפ, אויף יעדן זאך – 'איך האב זיך שוין מיישב געווען, איך האב שוין אפגעטוהן' (- כך הוא חושב. אבל באמת) ווי לאנג מען איז אין דער וועלט איז נישט שייך צו זאגן 'איך האב אפגעטוהן'. אין דער וועלט וואס איך דריי זיך ארום – "ראה מסוכן כמוני" דארף יעדער איינער זאגן! אין דער וועלט איז מען טאקע מסוכן.

נאר וואס דען, ברוך השם אז דורכ'ן כח פון דעם צדיק האט מען די רפואה וואס ער האט צוגעגרייט. איז ביידע אמת טאקע: 'ראה מסוכן כמוני' איז טאקע אזוי, מען איז טאקע מסוכן, 'טורף בלב ימים' - מען דערטרינקט זיך. נאר וואס דען, מען האט דיר צוגעגרייט רפואות! און דער עיקר רפואה איז גאר דאס ישוב הדעת - זיי דיר מיישב פארן אויבערשטן, לעב מיט א לעבן פון ישוב הדעת! וואו מען גיט זיך א ריר דארף מען אלץ בעטן דעם אויבערשטן!

❖

[מו] עי' חיי מוהר"ן אות ש"ץ.

# "רגלי עמדה במישור"

דאס ענין פון התבודדות. מען קען אמאל זייער פארקריכן מיט דער זאך מיט א קרומער וועג וואס ממש עס מאכט אים משוגע! - מיר האבן שוין געזעהן דאס דאזיגע. דארף מען אויך בעטן דעם אויבערשטן אויף "התבודדות כראוי"[מז], אז דער ישוב הדעת זאל מיר פירן אויפן גלייכן וועג.

"רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר"[מח] - איך שטיי גלייך, "וַאֲנִי כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי"[מט] - אט גיב איך זיך א בויג. דאס ענין פון התבודדות דארף מיך אוועקשטעלן 'גלייך' - און דאס ווערט נישט מיט איין מאל, מען דארף זיין אַן עקשן, נישט אפלאזן דאס ישוב הדעת, נישט אפלאזן דעם געדאנק פון ישוב הדעת, יעדער איינער ברוב הזמן העלפט אים דער אויבערשטער אז ער שטייט אביסל גלייך, ער בויגט זיך נישט, ער ווערט אביסל קביעות'דיג.

'התבודדות' האט אין זיך אסאך טייטשן און אסאך געדאנקען; אז מען זאגט דאס ווארט: 'ישוב הדעת' - 'זיך מיישב זיין' - דאס האט נישט קיין גבול, אין יעדעם פרט זאל איך האבן ישוב הדעת.

למשל, דער מענטש האט די ימי הבחרות; אז דער אויבערשטער העלפט נאך דעם ער ווערט א חתן - שפרינגט מען איבער דעם זמן, און אז דער אויבערשטער העלפט ער האט חתונה - האט ער א אנדער ישוב הדעת, און אז דער אויבערשטער העלפט ווייטער אז די משפחה פארגרעסערט זיך אזוי ביז ער ווערט אַן אלטער איד - דאס ישוב הדעת פון די ימי הבחרות קען מען דאך נישט צוגלייכן צו דאס ישוב הדעת פון די ימי זקנה. אפילו א קינד אז ער הויבט אָן 'אלף בית', ער הויבט אָן עברי

---

[מז] עי' ספר המידות ערך 'כעס' אות ל"ה: "**כעס בא על ידי התבודדות שאינו כראוי!**".

[מח] תהלים כו, יב.

[מט] שם עג, ב.

- מען זעהט דאך אז דער געדאנק (השכל) ווערט אלץ נתפשט (- אנטוויקלט זיך) מער און מער - און דאס איז אין דעם נגלה'דיגן קענטעניש וואס מען זעהט.

דאס אייגענע דארף זיין אין דעם ישוב הדעת, דער מח זאל אלעמאל ווערן איידעלער און ריינער, און ריינער און ריינער און ריינער, ביז ער איז טאקע מיושב - נישט קיין פלוט!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

**בקשו רחמים:** לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י

| | | |
|---|---|---|
| מוהר"ר **צבי מאיר אייזיקאוויטש** הי"ו – מאנסי<br>לע"נ הרה"ק ר' **אשר אנשיל הלוי** זצוק"ל במוה"ר ר' **שמואל** ז"ל<br>אב"ד טשענגער | מוהר"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו<br>וויליאמסבורג<br>לרגל נישואי בתו<br>למזל טוב | מוהר"ר **אהרן נתן ליכטענשטיין** הי"ו<br>לייקוואד<br>לרגל נישואי בתו<br>למזל טוב |
| לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה<br>נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב<br>ת.נ.צ.ב.ה | לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה<br>ב"ר **יצחק** הי"ו<br>נלב"ע י"ב שבט תשע"ט<br>ת.נ.צ.ב.ה | לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה<br>נלב"ע י"ג אייר תשפ"א<br>ת.נ.צ.ב.ה |